# פּרץ, נאָמבערג, רייזען, אַש אין סטאַניסלאַװ

דאָס איז געװען אין אָסיען 1908, באַלד נאָך דער „טשערנאָװיצער שפּראַך־קאָנפערענץ", װאָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 30סטן אויגוסט ביזן 3טן סעפּטעמבער. און טשערנאָװיץ פון סטאַניסלאַװ איז אַ שפּרונג פון עטלעכע שעה מיט דער באַן. און קיין פּאַס און װיזע דאַרף מען אויך נישט. סטאַניסלאַװ איז אין גאַליציע און טשערנאָװיץ אין דער בוקאָװינע און ביידע באַלאַנגען צו דער אימפּעריע פון קייזער פראַנץ־יאָזעף, װאָס האָט — אגב — אין יענעם יאָר געפּראַװעט דעם יובל פון זעכציק יאָר אויף דעם קייזערלעכן טראָן אין װין. און די צייטן זענען געװען גוטע און שטילע און דער אייביקער פרידן געזיכערט — װייל נאָר װאָס איז אויסגעמיטן געװאָרן איינער פון די שאַרפסטע — און אייביקע, װי טאָג און נאַכט — „באַלקאַנישע" קריזיסן. און װער װאָלט עס דעמאָלט געגלייבט, אַז די ערשטע װעלט־מלחמה, און מיט איר אַ גאַנצע סעריע פון אַזעלכע מלחמות, איז נאָר אַ תחום־שבת װייט אין די יאָרן פון אָט־דעם גליקלעכן יאָר 1908.

און געװען איז די מעשה טאַקע אין סטאַניסלאַװ — און סטאַניסלאַװ איז אַ שיינע שטאָט ביז גאָר, מיט ברייטע גאַסן און שיינע אַלייען און אַ פּאַרק, װאָס האָט דעמאָלט געטראָגן דעם נאָמען פון דער שיינער, פּאָעטישער, עסטרייכישער קייזערין־מאַרטירערין עליזאַבעט, װאָס פלעגט זיך אַרומטראָגן מיט די לידער פון היינריך היינע און האָט ממש געדאַװנט פון זיי. און עס איז אַ שטאָט פון עטלעכע צענדליק טויזנט ייִדן, און עס גייט זיי גוט און זיי זענען לרוב ציוניסטן און זיי האָבן ליב ייִדיש און זיי זענען ייִדישסטן אויך... פאַרװאָס נישט?

און איך בין דעמאָלט אַלט געװען פערצן יאָר און געקומען קיין סטאַניסלאַװ צו מיין זיידן, מיין טאַטנס טאַטן, װאָס איז נאָר װאָס געװאָרן אַן אלמן, צו זיין ביי אים אויף קעסט צװיי יאָר צייט און לערנען אין דער אָרטיקער האַנדלס־שולע פון ס. װיינבערג, װאָס האָט געהאַט אַ שם איבער

גאַנץ גאַליציע. איך בין אַ גוטער בעל־חשבון און מ׳האָט באַשלאָסן, אַז אַזאַ בעל־חשבון דאַרף ווערן אַ באַנקיר, וויניקסטנס אַ דירעקטאָר אין אַ באַנק. און מיין זיידע האָט געוווינט אַביסל הינטער דער שטאָט, אויף אַ שיינער גאַס און אַ שיינעם הויף מיט עטלעכע פּאַרטער־הייזער, אַ גרויסן סאַד און אַן אייגענער פּאַטישער קערניצע — אַ קוואַל, וואָס מען זעט אויף זיין דנאָ, ווי זיין וואַסער בולקעט אַרויס דירעקט פון דער ערד.

נאָר כאָטש מיינע טאַטע־מאַמע און אַלע מיינע פעטערס און מומעס און מיינע זיידעס — קיין באַבעס האָב איך שוין דעמאָלט נישט געהאַט — האָבן באַשלאָסן, אַז איך דאַרף ווערן אַ באַנקיר, האָב איך אָבער באַשלאָסן צו ווערן אַ דיכטער און דווקא אין יידיש. און פאַרוואָס — ווייס איך אַליין נישט ביזן היינטיקן טאָג. מילא — אַ דיכטער און נישט קיין באַנקיר, פאַרשטיי איך נאָך. אפשר האָט זיך ערגעץ ווו אַריינגעכאַפּט אַ פונק פון אַ דיכטערישן טאַלענט און האָט געבריט די נשמה. אָבער פאַרוואָס דווקא אין יידיש — כאָטש איך האָב נאָך דעמאָלט ממש דאָס לשון נישט געקענט — דאָס ווייס איך טאַקע נישט. אפשר אונטער דער השפּעה פון דער צייט־שריפט „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן״, וואָס איז אין יענעם יאָר דערשי־נען אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון גאָרעליק, ניגער און ווייטער — און וואָס איך האָב געלייענט צוזאַמען מיט מיין עלטערן ברודער בשעת די וואַקאַציעס פון יענעם יאָר 1908.

און יעדער פון די פיר נומערן פון אָט־דער צייטשריפט איז געווען געווידמעט אַן אַנדערן ריז פון דער דעמאָלטיקער יידישער ליטעראַטור אין פוילן. און די פיר זענען געווען פרץ, נאָמבערג, רייזען, אַש. און דע־מאָלט פלעגט מען דאָך נישט לייענען, נאָר אַריינאָטעמען דירעקט אין דער נשמה דאָס געלייענטע, אָט אַזוי ווי אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער פאַר־ציט דעם רויך דירעקט אין די לונגען אַריין... און עס איז נאַטירלעך, אַז איך האָב די פיר דערמאָנטע שרייבערס געקענט צום בעסטן און געחלומט פון זיי צום שטאַרקסטן. יידיש לייענען און פאַרשטיין, האָב איך נאַטיר־לעך געקענט. רעדן פלעג איך רעדן „ווי אַ גר״, לויט דער דעפיניציע פון איינעם פון מיינע פאַלקסטימלעכע פעטערס. און שרייבן יידיש — איז אַרויסגעקומען ריין דייטש מיט יידישע אותיות.

און אַט בין איך אין סטאַניסלע. די ערשטע טעג אין דער האַנדלס־שולע. די ערשטע שריט צו דער באַנק־קאַריערע. און איך האָב שוין אַ חבר — שפּעטער מיין געשוווירענער חבר אין פאַרלויף פון אַ צענדליק יאָרן, נאַטאַן דיק האָט ער געהייסן און געווען זייער אַ דיקער. און מיר גייען אַזוי איבער דער שיינער ליפּאָווער אַלייע און מיר רעדן וועגן דער שולע און וועגן די לערערס און אַט איז אַ פּלאַקאַט און אויף דעם פּלאַקאַט די פיר צויבער־נעמען: פּרץ, נאָמבערג, רייזען, אַש. זיי וועלן אַלע פיר אויפטרעטן אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט אין זאַל פון שטאָטישן טעאַטער... און זיין וועט עס היינט ביינאַכט. און מיר האָבן שוין בילעטן; דיק האָט זיי געקויפט. די ביליקסטע גאַלעריע־בילעטן. און אַזוי ווי איך האָב מיך היינט צוליב עפּעס פאַרשפּעטיקט אויף מיטאָג, זענען געווען שטאַרקע געשרייען פון מיין מומען, וואָס האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט ביים זיידן. און אויך דער זיידע האָט בייז געשוויגן איבער דעם דיסציפּלין־ברוך און נאָר געוואָלט וויסן די סיבה. אַז ער איז געוואָר געוואָרן, אַז איך וויל היינט ביי־נאַכט גיין אויף דעם „זשאַרגאָן־אָוונט", האָט ער צוערשט פאַרבאָטן. און איך בין בלאַס געוואָרן און מיר איז קאַלט געוואָרן און איך בין געוואָרן ממש פאַרשטומט און פאַרקילט פון צער. דער זיידע האָט עס באַמערקט, געוואָרן מילדער און געפּסקנט: זאָ קאָננסט דו דען געהן — דוממעס קינד — אונד איבערצייגע דיך זעלבסט... כלומר, איך זאָל אַליין קומען צום שכל.

און אַט איז דער אָוונט. מיר זענען געקומען די ערשטע, נאַטאַן און איך. מיר האָבן פאַרכאַפּט דאָס בעסטע שטיי־ווינקל און שטייען דאָרט ווי איינגעמויערט.

עס קומט אַרויס דער אָרגאַניזאַטאָר פון אָוונט, דער בלאָנדער הויבער סטודענט מיכאל וויכערט, ער זאָגט אָן, אַז דער ערשטער וועט אויפטרעטן שלום אַש. און אַט לייענט אַש אַ מעשה וועגן אַ ייִדישער טאָכטער, וואָס לאָזט נישט אָפּשניידן אירע שיינע, שוואַרצע האָר נאָך דער חתונה און ווי מען נעמט זי סוף־כל־סוף איין און ווי די שער שניידט און שניידט... 28 יאָר איז ער אַלט. זיין געשטאַלט איז ממש אַ קאָפּיע פון דער געשטאַלט פון דעם דאַוועוענדיקן יונגן ייִד אין דעם בילד „אין שיל" פון דעם גאָניאַלן יונג־פאַרשטאָרבענעם קראָקעווער מאָלער מאַוריצי גאָטליב. אַלע קענען

דאָס בילד. אַלע באַמערקן די ענלעכקייט. די ראָמאַנטישע מעשה, די זאַפּ־טיקע קוטנער אויסשפּראַך, די געשטאַלט פון דעם דיכטער, זיין דרייסט־קייט, די ענלעכקייט צום גאָטליב־בילד — אַלץ גיסט זיך צונויף אין אַ מין ניי־דערזעען־דערהערטער יידיש־סימפּאָניע און דער זאַל שטורעמט, נאָך און נאָך!

און אָט קומט אַרויס רייזען — דעקלאַמירט ליד נאָך ליד:

אַ געזינד זאַלבע־אַכט,
און בעטן נאָר צוויי,
און קומט אָן די נאַכט,
ווו שלאָפן דען זיי?

אַפּלאָדירט שוין נישט דער גאַנצער זאַל אַזוי שטאַרק — און נאָר די פּראָלעטאַריש־אָריענטירטע, די בונדאָוועצעס און די נאָר־וואָס אויפגעקו־מענע פּועלי ציון־חברים. און וואָס מער זיי אַפּלאָדירן, אַלץ מער שווייגן די אַנדערע. און וואָס מער דעמאָנסטראַטיוו די אַנדערע שווייגן, אַלץ מער אַפּלאָדירן די חברים. פּאָליטיק מישט זיך אַריין. ביז... ביז —

עס קומט אַרויס הערש־דוד נאָמבערג. און ער לייענט זייער שטיל און פאַרפּלאָנטערט זיך זייער אין זיינע פּאַפּירן און די מעשה, וואָס ער לייענט, איז אַ דעקאַדענטיש־סטודענטיש־פּסיכאָלאָגישע לעבן און טויט־ליבע־מעשה און עס ווערט זייער אומרויק אין זאַל. קוים וואָס מען קען שוין אַ וואָרט הערן.

קומט אַרויס פּרץ און ער זאָגט: — דאָס איז הערש־דוד נאָמבערג — און אויב איר וועט אים דאָ באַלד נישט הערן, וועט איר שוין מער קיינעם נישט הערן!... און עס ווערט שטיל. מאָן צו זייען. און נאָמבערג פאַרענ־דיקט די מעשה און מען אַפּלאָדירט אים מיט דרך־ארץ. און באַלד סקאַנ־דירט ער זיינע סטיליזירטע פאָלקסטימלעכע לידער און זיין וויג־ליד פון אַ שטוב פון אַ פאַרשיקטן אין סיביר: ...פון סיביריען שיקט דיין טאַטע דיר אַ גרוס, מיין קינד — — דאָס ליד האָבן אַלע געקענט און אָט שטייט דער מחבר פאַר זיי. און ווידער אַ שטורעם. און עס קומט אַרויס פּרץ און ער טריומפירט, און ער נעמט אַרום נאָמבערגן, און נאָמבערג גייט אַראָפּ פון

דער בינע און דער עולם פּאַלט פּלוצים אַריין אין אַ לאַנג־דויערנדיקן התפּעלות. איין קליינקייט — פּרץ אַליין שטייט פּאַר זיי.

האָבן די אַנדערע בלויז געלייענט זייערע שאַפונגען — האָט פּרץ אויך גערעדט. נישט גערעדט, נאָר באַלד פונעם ערשטן טראַף אָן מיטגעריסן — וואָס ער זאָל נישט זאָגן. יאָ פאַרשטאַנען — נישט פאַרשטאַנען. קודם־כל האָט מען מסכים געווען. נעשה ונשמע... און נאָך דער קורצער רעדע האָט ער געלייענט. און געלייענט האָט ער פון „משנת חסידים״. מען האָט זיך אָנגעקוקט מיט התפּעלות — נאָר געדונערט האָט מען סיי ווי. און דער עולם האָט גענומען רופן: „מאָניש״! פּרץ האָט זיך אַביסל געבייזערט, פּאַר־וואָס מען דיקטירט אים, אַוועק פון דער בינע, זיך מישב געווען מיט מיכאל ווייכערטן, וואָס האָט דעם אָוונט אָרגאַניזירט, און באַלד גענומען דונערן און טאַקע „מאָניש״: — וואָס בלאָזט עס און פייפט, וואָס דונערט און קנאַלט, צי פּלאַצן די דעמבעס און סאָסנעס אין וואַלד? — — — און מיט אַט דער מאָניש־קאַנאָנאַדע האָט זיך דער אָוונט פאַרענדיקט און דער גאַנ־צער עולם פון דער גאַלעריע, און איך בתוכם, שטייען שוין אונטן ביי דער בינע און פּרץ מוז אַרויס נאָך און נאָך, מען מוז אים זען נאָענט, נאָך נענטער. און ער ציט כסדר אַלע זיינע דריי חברים נאָך זיך — און אויף דער גאַס איז געווען ממש אַ דעמאָנסטראַציע. פּרץ און פּרץ! און איך בין וואָס גיכער באַרוישט אַהיימגעלאָפן און פון מיר האָבן אַרויסגערעדט און אַרויסדעקלאַמירט די נאָר־וואָס געהערטע מעשיות און לידער און דער עיקר האָט עס געקנאַלט: עס פייפט און עס קנאַלט, עס זעצט און עס קנאַקט, עס יאָגט אַן עקסטראַ־פּאָסט פון טראַקט... אַזוי ווי אַ דיבוק מיט אַ פּרץ־שטימע וואָלט זיך אין מיר באַזעצט. נאָך היינט הער איך די שטימע — ווי עס וואָלט נעכטן געווען...

נאַטאַן דיק האָט מיך באַגלייט ביז דער גאַרטן־טיר און אַזוי גיך ער איז אַוועק איז מיך באַפאַלן אַ טשאַטע הינט און קוים וואָס איך בין צו צו דער טיר און גענומען פאַרצווייפלט קלאַפּן, אויפגעוועקט די גאַנצע שטוב און עס איז געוואָרן אַ קוקעריי אויף די זייגערס און עס איז שוין געווען נאָך חצות, און קוים וואָס איך האָב מיך געראַטעוועט אין בעט אַריין. נאָר סיי־ווי האָט מיר דער זיידע געהאַלטן אין דער פינצטער זיין דייטשע

מוסר־דרשה, וואָס איך האָב סיי ווי נישט געהערט, ווייל אין מיר האָט גע־קלאַפּט צוזאַמען מיט מיין האַרץ: — עס פייפט און קנאַקט — עס יאָגט אַן עקסטראַ־פּאָסט פון טראַקט...

אויף צומאָרגנס, אומאויסגעשלאָפן, גייענדיק אין שולע, בין איך — ווי פון אַ כישוף געצויגן — געגאַנגען דורך דעם שמאָלן געסל, וואָס נעבן דעם שטאָטישן האָטעל. די גאַס איז געווען פּוסט און האָפענונגסלאָז מיין געמיט נאָך דעם זיידנס דרשה. נאָר — נעבן אַ שויפענצטער פון אַ בוכ־האַנדלונג איז געשטאַנען, אומגעריכט ווי אַ בליץ פון אַן אויסגעשטערנטן הימל — דער פּרי־אויפשטייער פּרץ. איך בין צו אים צוגעגאַנגען פון רעכטס און ער האָט אַ קוק־געטאָן אויף מיר, שפּעטער פון לינקס — און ער האָט זיך ווידער אויסגעדרייט און אַ קוק־געטאָן אויף מיר און ווייטער געקוקט אויף די ביכער — און מיט דעם ריטעם פון „יאָגט אַן עקסטראַ־פּאָסט פון טראַקט!״ בין איך שנעל געלאָפן אין שולע. און דאָס איז געווען דאָס ערשטע, איינציקע און לעצטע מאָל, וואָס איך האָב אַריינגעקוקט אין פּרצעס לע־בעדיקע אויגן. די גליִענדיקע אויגן פון אַ נביא פון זיין דור, וואָס האָט אַלץ פאָרויסגעזען, חוץ דעם נאָענטן אונטערגאַנג.